# אַ פָּסוּק הַגָּדָה

## חיזוק פאר די יו"ט

**תמצית הגליון:**

הויפט מאמר

מוסר השכל

צידה לדרך

מעשה רב

וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא...

בעזרת השי"ת ▪ פסח תש"פ ▪ גליון עב׳


# מצות סיפור יציאת מצרים
## בליל חמשה עשר בניסן

### ווי אזוי איז מען מקיים די מצוה? וואס זאל איך פארציילן?

**ליל התקדש החג:** א הייליג נאכט אנגעפילט מיט מצות און מעשים טובים, חומרות און מנהגים. אין איין סעודה, בנוסף צו די אלע מצות וואס מיר האבן אין א געוועגדליכע יו"ט, האבן מיר אויך נאך 10 מצות אין דעם נאכט, ואלו הן: סיפור יציאת מצרים, ארבע כוסות, הסיבה, טיבול, הלל, אכילת מצה, אכילת מרור, חרוסת, כורך און אפיקומן.

אעפ"כ, **ווען מיר זענען מעיין אין די אלע מצות, וועלן מיר געפונען אז בלויז צוויי פון די אלע מצות זענען מצות מדאורייתא... מצה און סיפור יציאת מצרים...**

מצה: די מצוה איז זייער קלאר. מען נעמט 3 מצות אין דער הענט און מען מאכט א ברכה המוציא. מען לאזט אויס די אונטערשטע מצה און מען איז ממשיך מיט די ברכה פון על אכילת מצה. דערנאך עסט מען צוויי כזיתים, איין כזית פון די המוציא און איין כזית פון די מצה. מען עסט עס בכדי אכילת פרת אנגעלאנטערהייט פאר חצות און מען איז יוצא די מצוה.

אבער ווי אזוי איז מען מקיים די מצוה פון "סיפור יציאת מצרים"? ווען הייבט זיך אן דער מצוה און ווען ענדיגט זיך דער מצוה? און וואס דארף מען טוהן יוצא צו זיין דער מצוה בשלימות? -באקענט אייך מיט די פינף יסודות!!

### לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די יום טוב....

**וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה׳ לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם.**

(שמות יג, ח)

זאגט דער רמב"ם (ספר המצוות, עשה קנ"ז): היא שצונו לספר ביציאת מצרים בליל חמשה עשר מניסן, בתחלת הלילה, **כפי צחות לשון המספר.**

וכל מי שיוסיף במאמר ויאריך הדברים בהגדלת מה שעשה לנו השם, ומה שעשו לנו המצרים מעול וחמס ואיך לקח השם נקמתנו מהם, **ולהודות לו יתעלה על כל טוב שגמלנו**- יהיה יותר טוב. כמו שאמרו, **וכל המאריך לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח.**

עס איז דא א מצות עשה מדאורייתא, בליל חמשה עשר מניסן, צו דערציילן די ניסים ונפלאות וואס דער אייבערשטער האט באוויזן אין מצרים, וויאזוי די מצריים האבן אונז געפייניגט און וויאזוי דער אייבערשטער האט נקמה גענומען אין זיי, און צו דאנקן און לויבן דעם גרויסן באשעפער אויף די אלע נסים... **וכל המאריך לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח.** ווי מער אלץ בעסער, יעדער לויט זיין יכולת.

זאגט דער מנחת חינוך (מצוה כא׳ ד"ה ולפי מה שכ׳): הגם יעדע נאכט איז אויך דא א חיוב פון דערמאנען "יציאת מצרים", ווי בן זומא דרש׳נט אויפן פסוק "**למען תזכור יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך" - כל - לרבות הלילות**[א].

איז אבער די נאכט אנדערש מיט דעם אז עס איז א מצוה צו "דערציילן". דערציילן פאר די קינדער (אדער פאר א צווייטן אם אין לו בן) און מאריך זיין אינעם סיפור. (עיי"ש בהמשך ד"ה עכ"פ)

און אזוי שרייבט דער הייליגער בני יששכר (בספר דרך פקודיך מ"ע כא׳ אות ב׳) **אם יש לו בן יספר לבנו, ויספר לו לפי כחו ולפי שכלו להבינו איכות הדבר עד שיבין**, מען זאל דאס מסביר זיין בטוב טעם ודעת, יעדע׳ס קינד לויט זיין פארשטאנד, כדי זיין שכל זאל דאס קענען פארשטיין.

פסח אויפדערנאכט איז א מצוה צו פארציילן. חוץ פון זאגן און דערמאנען יצי"מ, איז דא אן עקסטערע מצוה צו פארציילן...

וכאן הבן שואל:

## וואס זאל איך פארציילן?

### ווער קען דען נישט די מעשה מיט אלע פרטים?

יסוד א׳: זאגט דער בית אברהם (בספר הק׳ בית אברהם ד"ה אז נדברו): אמת, די פאקטן פון די מעשה קען יעדער איינער, אבער **די הרגשים, די התבוננות פון די מעשה, דאס איז ביי יעדעם אנדערש.** יעדער לערנט אנדערש אפ די מעשה, דער ווערט נתעורר ביי די פרט און דער ווערט נתעורר ביי די פרט, יעדער איינער האט זיך זיין אייגנארטיגע השגה

---

[א] אזוי פסק׳נט דער רמב"ם (הלכות ק"ש פ"א ה"ג) "ומצוה להזכיר יציאת מצרים ביום ובלילה שנאמר ׳למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך׳".


פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פארבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

מיט זיין אייגנארטיגע הרגשים, וואו ער ווערט נתעורר און ווי אזוי ער לערנט אפ די מעשה.

און דורכדעם וואס איינער דערציילט די מעשה פאר א צווייטן, געבט ער איבער זיין רגש און זיין הבנה פון די מעשה, וואו ער איז נתעורר געווארן, וואס ער האט פארשטאנען און וואס ער האט נישט געכאפט ביז יעצט[ב]! און ווען זיין חבר דערציילט דאס צוריק פאר אים, געבט יענער איבער זיין טעם און זיין רגש, און ער הערט נייע משגים וואס ער האט נישט געוואוסט אדער משים לב געווען ביז יעצט. דערפאר, "**וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח**", ווי מער די פארציילט די מעשה פאר א צווייטן, ווערט די מעשה משובח, **די מעשה ווערט אלץ שענער און שענער, מיט מער השגות און מער הרגשים...**

(הגדה של פסח פרדס הצדיקים)

**מכת דם:** עס זעהט אויס ווי זייער א פשוט'ע מכה, אלע וואסערן פון מצרים זענען געווארן בלוט. אבער ווי מער מיר ווילן זיך מתבונן זיין אין די פאקטן און די אמת'דיגקייט פון די מכה, ווילן מיר אנהייבן כאפן וויפיל שווערקייטן איז אלץ מיטגעקומען מיט דער מכה. לאמיר אריינטראכטן: וויאזוי קען מען לעבן מיט בלוט פאר צוויי גאנצע טעג? דאס איז נישט געווען סתם א קאליר, דאס איז דאך געווען בלוט ממש. עס האט געהאט דער שמעק, דער קלעבעדיגקייט און דער טבע פון בלוט! וויפיל האבן די מצריים צאמגעליטן בלויז פון די נאכווייען פון טרינקען און זיך באדן אין בלוט, גייענדיג מיט שמוציגע פארקלעבטע קליידער פאר זיבן טעג??[ג]

און יעצט לאמיר זיך מתבונן זיין: פארוואס האט דאס פאסירט פאר זיי? ווער האט דאס געמאכט פאר זיי?

ווען מיר זענען זיך מעמיק אינעם אמת'דיגקייט פונעם סיפור און געבן ארויס אונזערע הרגשים פאר א צווייטן, ווערט די סיפור אלץ עכטער, שענער און וואונדערליכער... "**וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח**" די סיפור ווערט שענער און שענער....

**יעדעס יאר ביים סדר, דארפן מיר פריש נתעורר ווערן, צוקומען צו נייע השגות און נייע געדאנקן אינעם עצם הסיפור.**

<u>יסוד א':</u> זיך מעמיק זיין אינעם סיפור און ארויסלעבן אונזערע הרגשים, מאכנדיג דאס פאר א שענערע סיפור.

* * *

כדי דאס צו ערפילן, מוזן מיר צוקומען צו יסוד ב'...

## "חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים"

קוק דאס נישט אן ווי עפעס וואס האט שוין פאסירט פאר אפאר טויזענט יאר צוריק און קוים קוים האט דאס א שייכות מיט מיר. ניין! נאר **בכל דור ודור, חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים.** שנאמר "והגדת לבנך ביום ההוא לאמר בעבור זה עשה ה' "לי" בצאתי ממצרים". (פסחים קטז:)

**דו האסט א חיוב זיך צו טרעפן און זיך מקשר זיין מיט דעם פאסירונג.**

### משל למה הדבר דומה?

מען הערט ליידער יעדן טאג פון חולי ישראל וואס מאכן מיט. דער ליגט נעבעך אין א קריטישע מצב און דער האט דאס ב"ה אריבערגעמאכט מיט ניסים ממש. צו קען דען סיי וועלכע מענטש וואס האט נישט קיין שייכות מיטן באטראפענער פארציילן די פאסירונג מיט די ריכטיגע און אמת'ע הרגשים?

אדרבא, געבט נאר א קוק וויאזוי דער בילד טוישט זיך ווען דער באטראפענער דאווענט נאר אין זיין שול, ווער רעדט נאך ווען דאס איז ממש פון זיין משפחה?

אונזער עבודה בליל התקדש החג איז זיך צו טרעפן און מקשר זיין ווי מער צום עצם סיפור... יא, מען האט דיר געמיינט, מען האט דיר אויסגעלייזט... "ואילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים, הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו לפרעה במצרים".

**יעדער איינער, לויט וויפיל שייכות ער האט מיט די מעשה, לויט וויפיל עס איז אים נוגע די מעשה, אזויפיל פרטים און הרגשים, ניסים ונפלאות ער ווען זעהן אין די מעשה, און אזויפיל וועט ער דאנקן און לויבן..**

## רב נחמן נעמט "דרו" זיין קנעכט פאר א לעבעדיגע דוגמא

די גמרא דערציילט אין פסחים, "**אמר ליה רב נחמן לדרו עבדיה**: (אזויווי ר"ג האט געהאט א קנעכט "טבי", האט ר"נ געהאט א קנעכט "דרו") פרעגט רב נחמן זיין קנעכט "דרי" בליל הסדר: **עבדא דמפיק ליה מריה לחירות**, א קנעכט וואס דער בעל הבית לאזט אים גיין פריי, וואס זאגט מען פאר א אזא האר? (דאס הייסט, דער בעל הבית געבט אויף אויף א שטיקל פון זיין נכס, א זאך וואס האט געקענט זיין זיינס פאר אייביג און יעצט, לאזט ער אים מיט זיינע קינדער גיין פריי.)

רב נחמן לייגט צו, נישט נאר ער לאזט אים גיין פריי, נאר ער געבט אים נאך צו גאלד און זילבער, **מאי בעי למימר ליה?** וואס דארף אזא קנעכט זאגן פאר אזא האר?

דער קנעכט גלייבט נישט וואס ער הערט. וואס?! גיין פריי און נאך צובאקומען גאלד און זילבער אויך?? אמר ליה: **בעי לאודויי ולשבוחי**, ער דארף דאנקן און לויבן זיין האר.

זעענדיג די לעבעדיגע מראה, וויאזוי א קנעכט ווייזט ארויס די שמחה און הודאה וואס מען דארף האבן אין אזא פאל, האט רב נחמן געזאגט: **פטרתן מלומר מה נשתנה**, מיר דארפן שוין נישט פרעגן צו פארשטיין, מיר פארשטייען שוין גוט וואס מיר האבן צו טוהן. מיר אלע זענען היינט אין אזא מצב, מיר זענען געווען עבדים און היינט האט מען אונז באפרייט. און נישט נאר באפרייט, נאר צובאקומען גאלד און

---

ב ווי דער חינוך שרייבט (שם מצוה כא'), ואפי' בינו לבין עצמו, אם אין שם אחרים, חייב להוציא הדברים בפיו כדי שיתעורר לבו בדבר, כי בדבור יתעורר הלב.

ג מיט דעם, טייטשט דער מהר"ל די ווערטער פון רבי אליעזר און רבי עקיבא **מנין שכל מכה ומכה שהביא הקב"ה על מצרים היתה של ארבע מכות... של חמש מכות...** ווי אזוי ערהאלט יעדער מכה אין זיך נאך מכות? נאר מען זעהט אפי' בדרך הטבע, אז ווען איינער שלאגט א צווייטן מיט א שטעקן, אפי' ביים אנהייב כאפט ער נאר איין קלאפ, אבער פון דעם קלאפ קומט שפעטער ארויס נאך מכות, עס צוברעכט זיך דער ביין, עס טוט וויי, עס ווערט אנטצינדן, עס קומט ארויס דערפון אייטערן און בלאטערן א.א.וו. דאס זעלבע קען מען זאגן ביי די אלע מכות אין מצרים און ביים ים, אז יעדער מכה האט אנהאלטן אין זיך פיר אדער פינף איינצלהייטן.

זילבער, מיר זענען ארויס ברכוש גדול. **פתח ואמר עבדים היינו**, ווען מיר זענען דאס לעבעדיג, פארשטייען מיר שוין זייער גוט.

**נישט די שיינע סיפורים און די שיינע תורות איז די מצוה, די מצוה איז די הארץ וואס דו לייגסט אריין ביים פארציילן...**

דערפאר, מאכט מען נישט קיין ברכה אויף סיפור יציאת מצרים ווי אויף אלע אנדערע מצות הלילה. ווי דער מהר"ל שרייבט (בספר גבורות ה' פרק ס"ב): "**ויראה כיון דעיקר הדבר הוא מחשבת הלב דצריך להבין מה שאמר, ואם לא כן לא הוה מידי**". אויב אזוי, איז נישט שייך קיין ברכה, וויבאלד דער עיקר מצוה איז א דאך א זאך וואס איז תלוי בלב, און מען מאכט נאר א ברכה אויף א זאך וואס איז עיקרו תלוי במעשה.

*יסוד ב':* מאכן לעבעדיג די מעשה און דאס מקשר זיין צו זיך, אין די טאג-טעגליכן לעבן, די מעשה האט א שייכות מיט מיר!

* * *

*יסוד ג':* צוקומען צום תכלית הסיפור- אויסצושרייען דעם "אין עוד מלבדו"...

אונזער חיוב פון "והגדת לבנך" בליל פסח, **כל אחד ואחד כפי צחות לשונו**, איז צו ממחיש זיין די ניסים ווי מער, כדי ארויסצוברענגן דעם **אין עוד מלבדו** וואס מען האט געזעהן קלאר נאכאמאל און נאכאמאל ביי יעדע מכה באזונדער. ווי דער אוחה"ק איז דאס מסביר באריכות אויפן פסוק "**למען שתי אותתי אלה בקרבו**" (פרשת בא שם) דער אייבערשטער האט נישט געברענגט די אלע מכות כדי צו ווייזן פאר פרעה. פרעה האט שוין גוט פארשטאנען ווער דער אייבערשטער איז גלייך ביים ערשטן מכה.

נאר דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן פאר די אידישע קינדער **כי הוא השליט והוא האדון**, אויף יעדע טריט און שריט איז ער בעה"ב. דערפאר, האט דער אייבערשטער יעצט, איינמאל פאר אלעמאל, מכחיש געווען אין יעדע סארט כח, משדד געווען אלע מערכת הטבע- די וואסער, די בהמות, די חיות, די ווינטן, אלע ד' יסודות: אש, מים, רוח, און עפר האט געטוהן וואס דער אייבערשטער האט געהייסן, **כי הוא בורא ומנהיג לכל הברואים**.

און כדי דאס צו ווייזן, האט דער אייבערשטער זיך באנוצט מיט דעם רשע פרעה, "**אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ וְאֶת לֵב עֲבָדָיו**", ער זאל זיין די שלעכטער און דורך איהם, וועט קענען זיין דעם געוואלדיגן קידוש השם, **לְמַעַן שִׁתִי אֹתֹתַי אֵלֶּה בְּקִרְבּוֹ** (שמות י א), פאר אלע מיינע קינדער אין אלע דורות, זאל דאס בלייבן אן עדות און מופת שלא ישכחו, ולא יהיה פתחון פה לכופר להכחיש אמונת אלקים.

זאגט דער רמב"ן אין סוף פרשת בא, (וכן הוא בחינוך מצות כא'): דערפאר האט די תורה געהייסן ביי פיל מצות אז די אידן זאלן זאגן אדער מאכן א זכר ליציאת מצרים, כדי די אמונה זאל זיך האלטן איינגעבאקן ביי זיי. דער אייבערשטער האט איינמאל געוויזן קלאר און דייטליך **כי הוא בורא ומנהיג**, ולא יעשה השם אות ומופת בכל דור ודור בעיני כל רשע או כופר, עס פעלט נישט אויס נאכאמאל דאס איבערצוצייגן, אבער עס פעלט יא אויס דאס כסדר צו חזר'ן און חזר'ן...

א גאנץ יאר, יעדער קלייניקייט וואס מיר טוהן און ווייזן אז "אין עוד מלבדו", איז שוין זכר ליציאת מצרים. ווי דער רמב"ן זאגט דארט: פשוט מיטן קויפן א מזוזה פאר איין זוז און ארויפלייגן אויפן טיר מיט כוונה, כבר הודה בחידוש העולם ובידיעת הבורא והשגחתו.

און טאקע דאס איז די חילוק פון פסח צו א גאנץ יאר. א גאנץ יאר זאגן מיר די פאקטן פון די מעשה און מיר טוען פעולות מעשיות זכר ליציאת מצרים.

אבער ליל פסח, איז דער חיוב גאר אן אנדערע. נישט די מעשים ווילן מיר, נאר דאס פארציילן ווילן מיר, איבערגעבן די הרגשים און די התבוננות פון די מעשה, פארציילן איינער פארן צווייטן און נאכאמאל איבערגיין דעם **מתחילה עו"ז היו אבותינו**: ווי אזוי אין אנהייב זענען מיר געווען צוגעבינדן צו די עו"ז~ די חשכות און אומוויסנשאפט אין וואס מיר האבן דעמאלט געלעבט~ ליידער נישט געוואוסט פון די אמת ויציב ואמונה~ געווען מושקע און געגלייבט אין פארשידענע נארישע כוחות~ דער אייבערשטער האט אונז געמאכט לייקענען אין די אלע נארישע כוחות דורך די מכות~ ובפרט ע"י שחיטת השה דייקא אין מצרים, דווקא בחודש ניסן~ וואס דאס האט אונז צוגעברענגט אנצוקומען צו זעהן בראייה חושית, דעם "**זה קלי ואנוהו**"... (עי' באריכות בגליון "א פסוק חומש"-פ' בא).

פסח אויפדערנאכט, ווען מיר דערציילן דעם סיפור יצ"מ, זענען מיר מכחיש אינעם טבע און אין יעדע סארט כח, און מיר שרייען אויס דעם **אין עוד מלבדו**.

**און דאס ברענגט אונז צו צו דער געוואלדיגע שמחה היינט אויפדערנאכט.**

ווי מער מיר וועלן דערציילן, אלץ מער וועלן מיר ווערן בעסערע אידן. ווי דער הייליגער תפארת שלמה שרייבט: **וכל המרבה לספר... הרי זה משובח**, ווי מער דער מענטש דערציילט די ניסים פון יציאת מצרים, אלץ מער ווערט די מענטש הייליגער און פארבעסערט... און אלץ מער און מער זאפט מען זיך אן מיט אמונה...

* * *

## ווען משה רבינו דערציילט די מעשה, האט דאס גאר אן אנדערע משמעות...

"**וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה ה' לְפַרְעֹה וּלְמִצְרַיִם עַל אוֹדֹת יִשְׂרָאֵל אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתַם בַּדֶּרֶךְ וַיַּצִּלֵם ה'**". (שמות פרק יח)

פרעגט דער אוחה"ק: וואס האט דא משה מחדש געווען פאר יתרו. עס שטייט דאך אפאר פסוקים פריער, "**וישמע יתרו**". ואמרו חז"ל: "מה שמועה שמע ובא? קריעת ים סוף ומלחמת עמלק". אויב ער איז דאך געקומען צוליב דעם סיפור, וואס האט אים משה דא מוסיף געווען?[ד]

**לפי דרכינו, קען מען זאגן**. יתרו האט טאקע געהערט די מעשה, אבער א מעשה וואס איז געווען לפי מיטיב השגתו ולפי קוצר הבנתו.

---

[ד] ווען מען קוקט אין רש"י "על כל הטובה", קען מען זאגן פשוט פשט, **ששמע ובא** איז געווען צוליב קריאת ים סוף ומלחמת עמלק, **ויספר משה לחותנו** אל כל אשר עשה, איז די מן, די באר און די תורה, זאכן וואס ער האט נישט געוואוסט ביז יעצט. (עי' בדברי אוחה"ק ופי' רש"י ד"ה על כל הטובה)

ווען ער איז געקומען צו משה, האט אים משה דערציילט א נייע מעשה **וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה ה' לְפַרְעֹה**, א מעשה פון דער נאנט מיט אלע אירע פרטים, זאכן וואס ער האט נישט געוואוסט אדער געטראכט ביז יעצט~ די השגחה עליונה אויף שריט און טריט~ ניסים ונפלאות יעדע מינוט~ **את אשר התעללתי במצרים!**

יתרו הערט יעצט אן אנדערע מעשה, גאר א נייע מעשה פון איינער וואס האט דאס בייגעוואוינט פון דער נאנט און איז געווען פון די גרעסטע בעלי השגה, דאס איז נישט דער מעשה וואס ער האט געוואוסט ביז יעצט.

דערפאר, שטייט גלייך נאכדעם, "**וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ** עַל כָּל הַטּוֹבָה אֲשֶׁר עָשָׂה ה' לְיִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הִצִּילוֹ מִיַּד מִצְרָיִם". ביז יעצט, איז נאר געווען "שמוע ובא". הערשט יעצט איז געווען "ויחד"- מלשון שמחה מיוחדת עד שנעשה בשרו חידודין חידודין. ווי דער אוהח"ק זאגט (בא"ד ד"ה ויחד יתרו): **הגם שקדם אצלו ידיעה מבשורות טובות, אעפ"כ כששמע תוכן הנס**, איז געווען א נייע שמחה אינגאנצן, ונתחדד בשרו, **ודבר זה מורגש הוא אצל כל בעל חי מרגיש**.

און דאס איז געווען די סיבה פארוואס "נעשה בשרו חדודין חדודין". פון איין זייט, האט ער זיך זייער געפריידט מיט די סיפור. אבער פון די אנדערע זייט, האט עס אים זייער ווי געטוהן, "פארוואס בין איך נישט געקומען ביז יעצט?! אויב איז דאס טאקע אזא הייליג פאלק, וואו בין איך געווען ביז יעצט?!" (עי' בספר דברי יואל עה"ת פרשת יתרו, ופי' זה הוא באופ"א שפי' רש"י)

דאס קען אפשר זיין די פשט אין רש"י אויף די ווערטער **עתה ידעתי**. רש"י זאגט: **מכירו הייתי לשעבר ועכשיו ביותר**. לפי"ד, קען מען זאגן פשט: **מכירו הייתי לשעבר**, איך האב געקענט דעם אייבערשטען נאך פון פריער, פונעם ערשטן מאל הערן די מעשה, אבער **ועכשיו ביותר**, יעצט, נאך וואס דו האסט עס פארציילט אזוי גוט, קען איך אים שוין אסאך בעסער.

דאס דארף זיין אונזער עבודה בעת מיר דערציילן די סיפור יציאת מצרים, צו ממחיש זיין און ארויסברענגען ווי מער פרטים פון די ניסים ונפלאות. יעדער איינער, לויט זיין יכולות, זאל טרעפן די פרטים, טרעפן געדאנקען ווי אזוי דאס מיטצולעבן און אויסשרייען "אין עוד מלבדו"...

**און ווען דער תכלית איז דער למען תדע כי אין כה' אלקינו, קען מען פרעגן און ענטפערן, פארציילן און זאגן די זעלבע מעשה נאכאמאל און נאכאמאל און עס וועט כסדר זיין חידושים ...**

הגאון רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל האט אמאל אינעם יום טוב פסח, צומארגנס נאכן סדר, געזעהן עטליכע ירושלים'ער יונגלעך אויף די גאס. האט ער זיי געפרעגט, "וואס איז געווען די קשיא?" האבן זיי געענטפערט, "מה נשתנה..." האט רבי שלמה זלמן ווייטער געפרעגט די יונגלעך, "און וואס איז געווען דער תירוץ?" האבן זיי געענטפערט, "עבדים היינו..."

האט דער גאון געפרעגט, "און וואס איז געווען די קשיא פאר א יאר?" האבן זיי געענטפערט, "אויך פאר א יאר, איז די קשיא געווען מה נשתנה". "און וואס איז פאר א יאר געווען דעם תירוץ?" האבן זיי געענטפערט, "פאר א יאר, איז דער תירוץ אויך געווען "עבדים היינו."

האט ער ווייטער געפרעגט די יונגלעך, "**איך פארשטיי נישט, די זעלבע קשיות און די זעלבע תירוצים יעדעס יאר**?"

זעענדיג אז די יונגלעך ווייסן נישט וואס צו ענטפערן, האט רבי שלמה זלמן זיי געזאגט, "אין מיין יוגענט, ווען איך בין געווען א קינד פון אכט יאר, בין איך אמאל געגאנגען מיט מיין טאטן (הגה"צ רבי חיים לייב אויערבאך זצ"ל). אויפן וועג, האבן מיר באגעגנט דעם גאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל, אב"ד ירושלים. און רבי יוסף חיים האט מיר געפרעגט די זעלבע שאלה, "וואס איז געווען די קשיא? און וואס איז געווען די תירוץ?" און אזוי ווייטער, "וועלכע קשיא האסטו געפרעגט פאר א יאר? און וואס איז געווען די תירוץ?"

און רבי יוסף חיים פרעגט מיר ווייטער, "**די זעלבע קשיא און דעם זעלבן תירוץ האסטו געפרעגט און געענטפערט פאר א יאר?**" האב איך זיך צעוויינט, נישט וויסנדיג וואס צו ענטפערן פאר דעם גאון...

"נו, וואס איז טאקע דעם תירוץ?" פרעגן די קינדער. זאגט רבי שלמה זלמן, "דער תירוץ איז אזוי. אמת, דו פרעגסט היינט די זעלבע קשיות וואס דו האסט געפרעגט פאר א יאר, **אבער היינט ביינאכט איז נישט דער תכלית צו "וויסן"**. מיר זאגן דאך אליין אין די הגדה "ואפי' כולנו חכמים, כלנו נבונים, כולנו זקנים, כולנו יודעים את התורה, מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים", **היינט איז דער עיקר אריינצובאקן אין הארצן די אמונה**, אז כאטש מען ווייסט שוין פון פאר א יאר, ווייסט מען נאך אלץ אז "מען ווייסט גארנישט", מען ווייסט נאר איין זאך: **אלעס איז פון הימל, דער באשעפער פירט די גאנצע וועלט**. ממילא, קען מען פרעגן די זעלבע קשיות און ענטפערן די זעלבע תירוצים ווי פאר א יאר." (דער פרשה קוואל חג הפסח תשע"ט, מאת הגר"א בידערמאן שליט"א)

און טאקע דאס מיינט סיפור יציאת מצרים- איינבאקן דער אמונה און דער השגחה עליונה אין זיך און אין די קינדער יעדעס יאר מיט א פרישקייט...

**די ווערטער פון די הגדה איז די זעלבע יעדע מאל, אבער די השגחה עליונה און דער אמונה בה' דארף יעדעס יאר זיין מיט חידושים...**

## ווען הייבט זיך אן דער מצוה? און ווען ענדיגט זיך דער מצוה?

באמת, אויב וואלטן מיר מדייק געווען אין די לשון פון די חינוך אויף די מצוה פון סיפור יציאת מצרים (מצוה כא) ווי ער שרייבט: וז"ל **דיני המצוה**, כגון הסדר שחייבין ישראל לעשות בלילה הזה בענין סעודתן, והכוסות של יין שחייבין לשתות ושיעורן, ומזיגתן, וסידורן...

פון די ווערטער לכאורה קוקט אויס, אז דער גאנצע סדר, דאס אליין איז מדיני המצוה פון סיפור יציאת מצרים...

און אזוי געפונען מיר אין די פוסקים אז וויבאלד דער ענין איז מרומז אין די תורה באופן שאלה ותשובה, כדכתיב **והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר** (שמות יג יד), דארף דעם עצם סיפור זיין באופן שאלה ותשובה. ווי דער בני יששכר שרייבט דארט ווייטער **ומצוה ללמד את הבן שישאלהו מה נשתנה עניני הלילה הזה מכל הלילות, "ומצוה לעשות לפניו דברים מתמיהים שיתמה הבן וישאל מה נשתנה" ואז ישיבהו האב ויספר לו הענין**...

און דא קומען מיר אן צו יסוד ד':

פסח אויפדערנאכט, פון די מינוט וואס מען טוט אן דעם קיטל און דער קינד וואונדערט זיך און פרעגט דעם טאטן, "וואס פאסירט דא אנדערש?" און דער טאטע ענטפערט מיט געדולד און איז אים מסביר דער ענין פון יציאת מצרים, איז ער שוין מקיים דעם מצות עשה פון סיפור יציאת מצרים...

און אזוי ווייטער א גאנצע נאכט, ווי מער מען קען מאכן דעם קינד אינטערעסירט און פרעגן קשיות, אלץ מער איז מען מקיים דעם מצות עשה. טאקע דערפאר, האבן חז"ל מתקן געווען פיל שינוים און מנהגים ביים סדר, כדי שיהיה באופן שאלה ותשובה!

**יעדער פעולה וואס מיר טוהן ביים סדר, אלעס וואס מיר זענען מסביר פארן קינד כדי אריינצובערענגן אין אים דער אמונה, דאס איז סיפור יציאת מצרים...**

ווי דער מהר"ל שרייבט: דהנ"ט פארוואס מען עפנט די טיר און מען גיסט אן דעם כוס של אליהו...

וויבאלד אין די הייליגע נאכט, טוען מיר ערוועקן רחמי שמים אז השי"ת זאל אונז אינגיכן אויסלייזן. **מען דארף אריינברענגען די אמונה אין די הערצער פון אונזערע קינדער און הויזגעזונט**, און ס'איז באוואוסט אז ווען מען זאגט א זאך און מען טוט דערצו אויך א מעשה, ווערט די ווערטער מער איינגעווארצלט אין די אויגן פון די צוקוקער. דעריבער האט מען איינגעפירט די דאזיגע מנהגים צו טוען א פעולה איינצו-ווארצלן די אמונה אין ביאת המשיח, אז אליהו הנביא וועט אט אט אונז קומען אויסלייזן.

יא! בלויז עפענען דעם טוהר און אנגיסן דעם כוס של אליהו מיט אמונה און בטחון, דאס מיינט סיפור יציאת מצרים...

*<u>יסוד ד':</u> לאו דווקא דעם עצם סיפור, נאר מיט יעדע פעולה וואס מיר טוהן און מאכן ביים סדר לאות ולזכרון, קענען מיר מקיים זיין דעם סיפור יצי"מ בדרך שאלה ותשובה.*

* * *

*<u>יסוד ה':</u> זאגן דעם הגדה מיט א געשמאק אויפן קול...*

דער עיקר איז אונזער דערציילן, אבער וויבאלד דער סיפור האט א מהלך כפי שקבעו חז"ל דהיינו מתחיל בגנות ומסיים בשבח, און עס זענען דא פארשידענע זאכן וואס דארפן דערמאנט ווערן, ווי ר"ג זאגט: כל שלא אמר שלשה דברים אלו בפסח לא יצא ידי חובתו, האבן די חכמים קובע געווען דעם נוסח ההגדה.

אבער אודאי ליגט אויף אונז א חיוב דאס מסביר צו זיין און פארשטיין. ווי דער בני יששכר שרייבט (שם חלק הדיבור אות ב') **נ"ל דבאמירת הגדה באם אינו מבין כלל מה שהוא אומר אינו יוצא ידי חובתו. דאנן הגדה וסיפור בניסים בענין, ובאם אינו מבין אין זה מיקרי סיפור, על כן מי שאינו מבין יקרא ג"כ הפי' בלשון אשכנז...**

און אזוי שרייבט דער הייליגער רמ"א (סי' תע"ג סעיף ו'): **שיאמר בלשון שמבינים הנשים והקטנים, או יפרש להם הענין, וכן עשה הר"י מלונדר"י כל הגדה בלע"ז כדי שיבינו הנשים והקטנים...** און ווי דער משנ"ב שרייבט דארט: ויקיים בזה מה שאמר הכ' "והגדת לבנך וגו'".

דעקן זיינע ביל"ס, און אעפ"כ וועט ער זיין אזוי שיין און איידל, הערשט דעמאלט וועל איך וויסן אז עס האט זיך געלוינט די מיה און פלאג, און אז מיר האבן גוט געטראפן!"

און דאס איז אונזער חיוב אין דעם נאכט, "והגדת לבנך", ווי מער מסביר זיין און מקשר זיין דעם קינד'ס אדער ערוואקסענעם'ס שכל צו די ווערטער פונעם הגדה (שהוא מלשון והגדת...) דו זאלסט מסביר זיין דעם געשעעניש וואס דו טוסט יעצט זאגן...

זאגט דער בני יששכר (שם מ"ע כא' חלק הדיבור אות ד'): **ונ"ל אם הבן או אחר השואל בן הבנה בטוב, מצוה מן המבחר הוא להטריח עמו בסיפור עד שיראה שכל כך נקשר הענין בהבנתו עד שהוא יכול לספר לאחרים.** און דאס מיינט דער פסוק, "והגדת לבנך ביום ההוא "לאמר", זאלסט מאריך זיין אינעם דערציילן און אינעם הסבר ביז דיין זוהן וועט דאס שוין גוט קענען איבער דערציילן...

יא, מען קען זאגן דעם הגדה אויף אזא אופן אז דער קינד זאל דאס פארשטיין. ווי אזוי? דורך זאגן די הגדה מיט א געשמאק און ברען...

עס ווערט געברענגט אין די מנהגים פון חתם סופר, אז דער הייליגער חתם סופר זי"ע, כאטש זיין דרך איז געווען, ובפרט אין זיינע עלטערע יארן, צו זאגן אלעס שטיל מיט אן אינערליכע התלהבות, אבער אין די צוויי סדרים נעכט, פלעגט ער זאגן די הגדה מיט א פלאם-פייערדיגע שטימע, אז זיין קול האט זיך געהערט ווייט אין די גאנצע געגנט ארום.

באופן זה, האט דער שר שלום פון בעלזא זי"ע געטייטשט: מצה הייסט "לחם עוני". זאגט די גמרא: פארוואס הייסט דאס אזוי? ווייל עס איז לחם שעונין עליו דברים הרבה, מען זאגט אויף דעם אסאך רייד, דהיינו די הגדה.

האט בעלזא רב מדייק געווען: לפי"ז וואלט מען ענדערש געדארפט זאגן לחם "שאומרים" עליו דברים הרבה. וואס איז דער לשון "שעונין", מען ענטפערט?

נאר מיר טרעפן אז **עונין** איז אויך טייטש אז מען הייבט אויף הויך די שטימע, ווי עס שטייט "וענו ואמרו", וענית ואמרת, דאס מיינט צו זאגן אז די הגדה דארף געזאגט ווערן מיט א הויכע שטימע...

## דייקא בזה"ז איז די חשיבות פונעם סיפור!

זאגט דער משך חכמה: אויפן פסוק **והגדת לבנך ביום ההוא... בעבור זה...** (יג ח), מען קען מסביר זיין דעם ענין בדרך צחות מיט א משל... עס איז א משל צו איינער וואס האט חתונה געמאכט זיין טאכטער צו א חשוב'ן בחור. דער מחותן, וועלנדיג אז די פארפאלק זאל זיין אויף די אייגענע פיס, האט צוגעשטעלט א שיינע אויסשטעפירטע דירה און אלעס וואס פעלט זיך אויס פאר א נייע פארפאלק.

וכך הוי, דער פארפאלק האט זיך גוט געפונען. פון גרויס שמחה, רופט זיך אן דער מחותנ'סטע צו איר מאן, "איך האב הנאה צו זעהן אז די פארפאלק לעבט אזוי גוט צוזאמען!" רופט זיך אן דער מאן, "לא כן הוא! יעצט ווען אלעס איז אזוי שיין צוגעגרייט פאר זיי, דער איינגערמאן האט אלעס וואס ער דארף, איז דען א חכמה אז ער פירט זיך אויף אזוי שיין און איידל?! לאמיר זעהן נאך א שטיק צייט, ווען ער וועט שוין דארפן אליין זוכן פרנסה, ער וועט זיך דארפן אליין פלאגן צו

**זאגט דער משך חכמה:** והנמשל הוא- בני ישראל הק', כי אף שנצטוו בנ"י תיכף בפסח ומצה, אפי' די אידן האבן טאקע גלייך מקיים געווען די מצות פון פסח און מצה מיט א געוואלדיגע התעוררות הנפש,

איז דאס אבער גארנישט קיין ראיה צו אונזער ליבשאפט צום רבוש"ע און זיין תורה ומצות. פארוואס? ווייל ווען מיר זענען אויפן כנפי נשרים, ארומגענומען מיטן ענני הכבוד, עסן מן און טרינקן פונעם באר, אודאי זענען מיר מקיים תורה און מצות...

אויב אבער, ווי משה רבינו זאגט אונז אן: **וְהָיָה כִּי יְבִיאֲךָ ה' אֶל אֶרֶץ...** (שמות יג ה) ווען עס וועט שוין נישט זיין די געוואלדיגע התעלות און אעפ"כ וועט דעמאלט זיין **וְעָבַדְתָּ אֶת הָעֲבֹדָה הַזֹּאת בַּחֹדֶשׁ הַזֶּה** (שם). דו וועסט עסן מצה, פראווען א סדר און מקיים זיין דעם **וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר**, דעמאלט וועל איך זאגן... **בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם...** יעצט לוינט זיך דעם גאנצן יציאת מצרים. **בַּעֲבוּר זֶה**, וועגן די יעצטיגע מינוט, **עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם...** האט דער אייבערשטער געמאכט אלע ניסים דעמאלט.

ענדיגט צו דער משך חכמה: און דאס איז געזאגט געווארן בזמן ההוא, ווען עס איז נאך געווען א בית המקדש, ווען עס איז געווען א קרבן פסח. אבער וואס זאלן מיר זאגן בזמן הגלות, וואס אפי' דאס האבן מיר אויך נישט, נאר מצה ומרור...

זאגן אונז חז"ל ... "**בַּעֲבוּר זֶה, לא אמרתי אלא בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך**", מיר זאגן נישט בשעה שיש "פסח" מצה ומרור לפניך, אלע דריי. נאר אפי' ווען עס איז נאר **מצה ומרור מונחים לפניך**, בזמן הגלות, וואס מיר האבן גארנישט, נאר מצה ומרור און אעפ"כ, שומרים משמרת הקודש. מיר זיצן פסח אויפדערנאכט און דערציילן סיפור יציאת מצרים, ווי עס וואלט געשעהן היינט... **בַּעֲבוּר זֶה**, וועגן די יעצטיגע מינוט, **עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם...** האט דער אייבערשטער געמאכט אלע ניסים דעמאלט.

## מוסר השכל

דער רמב"ם לערנט אונז אז פסח אויפדערנאכט ווערט יעדער א בעל דרשן, יעדער דארף זיך אויפשטעלן און רעדן "**כפי צחות לשון המספר**", לויט זיין יכולת. פונקט ווי איינער וואס איז אן אורח הכבוד ביי א דינער אדער ביי א מסיבה און מען בעט אים: "ר'... זאגט אפאר ווערטער!! ברענגט ארויס אייערע געפילן צו דעם היינט-נאכטיגן מעמד!!"... פארשטייט זיך אז סיי אויב ער קען רעדן און סיי אויב ער קען נישט, וועט דער איד זאגן אפאר ווערטער און ארויסברענגן זיינע געפילן צום מעמד.

**מיר אלע זענען אן אורח הכבוד היינט נאכט**, יעדער איינער ביי זיין סדר, פאר זיינע קינדער, און כביכול, דער אייבערשטער מיט זיין פמליא, קומט אראפ צו הערן אונזערע פאר ווערטער, ווי אזוי מיר ברענגן ארויס אונזערע געפילן צום היינט-נאכטיגן מעמד...

גלייך ווען מען הייבט אן דעם סדר, מיט יעדע פעולה וואס מיר טוהן און יעדע פעולה וואס מיר קענען מסביר זיין דעם קינד, טוהן מיר מקיים זיין דער מצוה בדרך שאלה ותשובה...

נישט יעדעס'ס געפילן זענען אייניג. יעדער האט זיך זיין אייגנארטיגע געפיל און השגה אין דעם מעמד, אבער יעדער קען היינט בייאנאכט צוקומען צו אנערקענען דעם "אין עוד מלבדו". מיר דארפן נישט זיין קיין גרויסע בעל השגה, אבער מיר דארפן זיין גרויסע בעלי מספר. ווי מער מיר וועלן רעדן, אלץ מער וועט זיך ארייננבאקן די אמונה אין זיך און אין אונזערע קינדער (כמש"כ התפארת שלמה).

מאדעך, אויף א גאנץ יאר, זאגט די גמרא (סוף מכות כד): **בא חבקוק והעמידן על אחת**, די גאנצע תורה ליגט אויף איין יסוד, **צדיק באמונתו יחיה**, לעבן מיט אמונה. על אחת כמה וכמה, בליל הסדר.... והעיקר תלוי בלב, לויט וויפיל הארץ מיר לייגן צו... (כמש"כ המהר"ל)

וז"ל פון דער באר אברהם (פרשת קדושים), **בא"ד** (וואס ער געבט אן עצה ווי אזוי מען איז זיך מסדר מיטן פראבלעם אז די נשמה און די גוף זענען שני הפכים, דער נשמה איז א חלק אלקי ממעל, עס ציט אויף העכערס און דער גוף איז א חומר העב, עס ציט נאר צו גופניות און בהמיות. וכתב שם) **ואשר ע"כ אין עצה לאיש נבזה הרוצה לעבוד את השי"ת כ"א זאת, ראשית יתחזק באמונה שלימה הנטועה בלבנו מאבותינו הקדושים ומהתורה הקדושה, לזכור תמיד יציאת מצרים וכל הנסים והנפלאות ומתן תורה לעיני כל הנשמות, וגודל השגחת השי"ת תמיד עלינו ועל כל העולם, וברית כורתה לשפתים שפתי אמונה אשר האמנתי כי אדבר.** עיי"ש באריכות... מאדעך אויף א גאנץ יאר זאגן מיר אזוי, עאכו"כ, בליל הסדר....

**זאגט דער חת"ס**: פארוואס האט מען מסדר געווען צו מאכן די סעודה נאכן זאגן די הגדה? מען זעהט אז דער רשע האט נישט קיין געדולד צו זאגן די הגדה, ער פרעגט, "מה העבודה הזאת לכם", וואס לייגט איר דא אריין א גאנצע עבודה? מען דארף זיך זעצן עסן און פארטיג." ווילן אונז חז"ל אויסלערנען: מען זאל האבן אן עול און געדולד אין עבודת הבורא. קודם דערציילן די ניסים פון יציאת מצרים און הערשט דערנאך, עסן די סעודה לכבוד יום טוב...

## צידה לדרך

**ביז ווען קען מען יוצא זיין די מצוה?**

כ' המנחת חינוך מצוה כא' ד"ה והנה, והנה להר"מ כאן פ"ו ה"א דפוסק דאכילת מצה כל הלילה, ודאי מצוה זו כל הלילה... אבל לשיטת הפסוקים שפסקו כרבי אלעזר בן עזריה וכרבא פסחים ק"כ: דאכל מצה אחר חצות לא יצא ידי חובתו, א"כ מצוה זו גם כן עד חצות דבהוי בזמן שיש מצה, אבל לאחר חצות הוי כמו כל השנה וכל הפסח דאין עליו חיוב מצות עשו זו.

ועי' במשנ"ב תע"ז ס"ק ו' **ויש לחוש לדעת המחמירים**.

ועי' במג"א וכ"ה במשנ"ב ס"ק ד' שאם לא אמר הגדה בלילה אין לו תשלומים

**מאכט מען א ברכה אויף סיפור יציאת מצרים אדער נישט?**

זאגט דער משנ"ב סי' תע"ג ס"ק א' קודם הגדה יכון או יאמר לצאת ידי מצות ספור יציאת מצרים, ח"א.

ובטעם הדבר שאין מברכים אשר קדשנו במצוותיו וציונו על סיפור יציאת מצרים כ' המאירי (ברכות יב ב) שיוצאים ידי חובות ברכה זו בברכת "גאל ישראל" שאומרים בתפילת ערבית.

וי"א שאי"צ לברך (עי' באורחות חיים ספינקא ס"ק כא'), **והנ"ט** שאין למצוה זה שיעור, ויוצא בה גם על ידי דיבור אחד.

**ועי' בסדר הערוך** (פרק נט' בהגה) שכדי לחוש להדעה שאומר שצריך לברך, נהג הבעל אמרי אמת מגור לכון בברכת הלל בליל פסח בביהכ"נ גם על מצות סיפור יציאת מצרים.

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com